**אויף תיכף ארויסצוגעבן: 1/2/2022** **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו באשיצן ניו יארקער פון שעדליכע פייער אויסלעש קעמיקעלס אין איינקויפער פראדוקטן

***לעגיסלאציע (S.4630-B/A.5418-B) רעגולירט קעמיקעלס אין אָפּהאָלסטער׳טע מעבל, מאטראצן, און עלעקטראנישע כלים***

גאווערנער קעטי האקול האט אנאנסירט דאס אונטערשרייבן פון לעגיסלאציע S.4630-B/A.5418-B וואס וועט פארבאטן דאס פארקויפן פון מעבל, מאטראצן, און עלעקטראניש שילדן וואס פארמאגן אין זיך געוויסע סכנות׳דיגע פייער-אויסלעש קעמיקעלס וועלכע זענען פארבינדן מיט א באדייטנד-העכערע ריזיקע פון ניוראלאגישע געשעדיגט ווערן, הארמאנע צושטערונג, און קענסער.

״צופיל הויזגעזינד פראדוקטן פארמאגן אין זיך גיפטיגע עלעמענטען וואס שטעלן אונזערע קינדער און ערשטע רעספאנדערס אין געפאר פון ערנסט קראנקהייטן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** די מעבל, מאטראצן, און עלעקטראניש כלים וואס מיר קויפן דארפן צו זיין זיכער און מיט די אונטערגעשריבענע לעגיסלאציע קענען מיר איצט פארזיכערן אז ווען די פראדוקטן ווערן פארקויפט אין ניו יארק וועלן זיי זיין פריי פון שעדליכע מאטעריאלן.״

דער ביל רעגולירט קעמיקעלס אין אָפּהאָלסטער׳טע מעבל, מאטראצן, און עלעקטראנישע כלים. עס העלפט אויסצוטייטשן טערמינען ווי האלאדזשענעיטעד קעמיקעל, ארגאנאפאספארוס קעמיקעל, און ארגאנאנייטראדזשען קעמיקעל. עס פארבאט דאס פארקויפן פון סיי וואספארא מעבל וואס פארמאגט אין זיך אידענטיפיצירטע פייער-אויסלעש קעמיקעלס. עס שטעלט אויך אוועק א שטראף אפצאל אויף ביז 2,500 דאלער א טאג פאר ווידערהוילן די פארלעצונגען.

פייער-אויסלעש מאטעריאל זענען א סארט קעמיקעלס וואס מען לייגט אריין אין מעבל, עלעקטראנישע כלים, און געבוי מאטעריאלן מיט׳ן כוונה צו העלפן אפהאלטן פייערס. פילע פייער-אויסלעש קעמיקעלס זענען אבער פארבינדן מיט שעדליכע געזונטהייט ווירקונגען אין באשעפענישן און מענטשן, אריינגערעכנט נעגאטיווע ווירקונגען אויף דעם אימיון סיסטעם, אומפרוכפערדיגקייט, קענסער, און שעדליכע ווירקונגען אויף פעטוס (וולד) און קינדהייט אנטוויקלונג. קינדער זענען עקסטרעם פארוואונדלעך צו זיין אויסגעשטעלט צו געפארפולע קעמיקעלס אנטהאלטן אין פייער-אויסלעש קעמיקעלס. פייער-אויסלעש קעמיקעלס צוגייען זיך שווער; ד.ה. זיי קענען פארבלייבן אויף יארן לאנג אין דער סביבה אדער היים אויף יארן. דורך איינפירן א באגרעניצונג אויף דאס פארקויפן פון געוויסע פראדוקטן וועלכע פארמאגן אידענטיפיצירנד-געפארפולע פייער-אויסלעש קעמיקעלס, וועט מען פארזיכערן אז ניו יארקער, און זייערע קינדער, שטייען נישט אויס געפארפולע גיפטיגע עלעמענטען. נאך מער, די גיפטיגע קעמיקעלס האבן קנאפע ווערד, אויב עפעס בכלל, אויף צו פארמיידן אדער אפהאלטן פייערס, אזוי ווי אנדערע סטעיטס וועלכע האבן איינגעפירט לעגיסלאציע האבן נישט מיטגעמאכט מער פייערס אדער נייע זיכערהייט זארגן צוליב דאס אוועקנעמען די קעמיקעלס פון פראדוקטן.

**סענאטאר טאַד קאַמינסקי האט געזאגט,** ״עס איז נישט דא עפעס וויכטיגער ווי באשיצן די געזונטהייט פון אונזערע קינדער און פייערלעשער פון קענסער-פאראורזאכנדע קעמיקעלס. דורך פארבאטן די גיפטיגע עלעמענטען פון טאג-טעגליכע פראדוקטן אין אונזערע הייזער, ווי צ.ב.ש. מעבל און מאטראצן, וועלן מיר נעמען א גרויסע טריט אין האלטן זיכער אונזערע קאמיוניטיס. איך בין שטאלץ געווען צו פירן דעם קאמף צו שטעלן די לעבנס פון אונזערע פאמיליעס און ערשטע רעספאנדערס בעפאר די רווחים פון קארפארעישענס — און דאס איז גענוי וואס דער געזעץ וועט טון. א דאנק אייך, גאווערנאר האוקאל, פארן אונטערשרייבן דעם מאסנאם.״

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט האט געזאגט,** ״דער נייער געזעץ וועט העלפן באשיצן ערשטע רעספאנדערס פון זיין אומנויטיג איסגעשטעלט צו שעדליכע קעמיקעלס. דאס אריינאטעמען רויך איז דער נומער איינס גורם פון פייער פארבינדענע טויטפעלער. ליידער פראדוצירן פייער-אויסלעש מאטעריאלן גיפטיגע קעמיקעלס ווי היידראָדזשען סייענדייד וואס קען שעדיגן ווען מען אטעמט עס אריין. דאס איז איבערהויפט א סכנה פאר פייערלעשער. אין צוגאב, טוט דער אנוועזנהייט פון פייער-אויסלעש קעמיקעלס אין מאטראצן, מעבל, און די אויסערליכע טיילן פון עלעקטראנישע געצייג שטעלן אין געפאר אונזערע פאמיליעס, וויבאלד די קעמיקעל רינען ארויס פון פראדוקטן און ווערן א טייל פון די שטויב אין דעם הויז. מיר אטעמען אריין די קעמיקעלס און אונזערע קינדער נעמען דאס אין מויל אריין ווען זיי שפילן זיך אויף דער ערד. די קעמיקעלס פאראורזאכן שעדליכע געזונטהייט ווירקונגען אריינגערעכנט קענסער, אומפרוכפערדיגקייט, און עס שעדיגט אונזער אימיון-סיסטעמס. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר׳ן ארבעטן נאענט מיט מיר אינאיינעם צו שאפן דעם לעבנס-רעטנדע נייע געזעץ.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

UNSUBSCRIBE